**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/15/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

## גאווערנאר האוקאל אנאנסירט 9.5 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן די עמפייער טעכנאלאגיע באלוינונג פראגראם און מאכן פארשריט צו נידערן קארבאן אין ניו יארק סטעיט

***נייע פראגראם וועט פארמערן קלימאט לייזונגען פאר פאמיליע און ביזנעס געביידעס***

***שטיצט די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ לאנד'ס-ערשטע ציהל פאר א 85 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2050***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אנאנסירט 9.5 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן די עמפייער טעכנאלאגיע באלוינונג פראגראם, אן אמביציעזע נייע ביזנעס פארמעסט געציהלט צו ברענגן פארשריט צו נידערן קארבאן אין געביידעס איבער ניו יארק סטעיט. די געלטער וועלן שטיצן א קוואליפיצירטן פראגראם אדמיניסטראטאר צו אנפירן דעם פראגראם און צושטעלן די וויכטיגע געלטער פאר די פארמעסטונג וועלכע וועט צוציהען, איינפירן און פארמערן דאס בויען פון קלימאט לייזונגען פון ארום די גאנצע וועלט כדי צו ערריכן נייטראלקייט אין קארבאן אין שטייענדע געביידעס וואו מערערע פאמיליעס וואוינען וואס זענען צום וויניגסטנס אכט שטאק הויך אדער ביזנעס געביידעס וואס זענען צום וויניגסטנס 15 שטאק הויך. די אנאנסירונג שטיצט די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act, Climate Act) לאנד'ס-ערשטע ציהל, רופנדיג פאר א 85 פראצענט רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2050.

"געביידעס זענען פון די הויפט ביישטייערער פון שעדליכע גאז עמיסיעס אין ניו יארק סטעיט, און מיר מוזן אנהויבן נוצן מער זאכליכע לייזונגען וועלכע נעמען ארויס די קארבאן פון געביידעס שנעלער כדי צו באקעמפן קלימאט טויש", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "דורך די אונטערנעמונג בויען מיר א בריק צווישן טעכנאלאגיש פארגעשריטענע לייזונגען און צווישן פאמיליע און ביזנעס געביידע אייגנטימער וועלכע קענען בענעפיטירן פון די לייזונגען צו בויען א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט וואס איז נידעריגער אין קארבאן."

די עמפייער טעכנאלאגיע באלוינונג פראגראם (Empire Technology Prize Program), אויסגעטיילט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), איז אויסגעשטעלט סיי צו פארשנעלערן ביזנעס און סיי אלץ א באלוינונג פראגראם דורכן צוזאמשטעלן ביזנעס שטיצע מיט געלט באלוינונגען צו ברענגן פארשריט צו א צוגאנג פון נידעריגע קארבאן פאר געביידעס וועלכע שטייען שוין.

NYSERDA נעמט יעצט אן אפליקאציעס פאר דער פראגראם אדמיניסטראטאר וועלכער וועט געשאנקען ווערן ביז 1.7 מיליאן דאלאר ביז 2024 כדי צו ארייננציהן שותפים אין די אינדוסטריע אין א קאנקורירנדע ביזנעס פארמעסט כדי צו שטופן פאר דאס באנוץ פון קארבאן עמיסיע רעדוקציע טעכנאלאגיעס. חוץ פון דעם גיבט NYSERDA נאך 7.8 מיליאן דאלאר פאר באלוינונגען אונטער דעם פראגראם, און דער פראגראם אדמיניסטראטאר איז ערווארטעט צו מאכן די צאל קערפערשאפטן

וועלכע קענען באקומען די באלוינונגען וואקסן דורכן אויסנוצן שותפות'ן און אינוועסטירונגען אין די פריוואטע סעקטאר.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO דאָרין מ. העריס האט געזאגט,** "די פראגראם וועט פארבינדן פראפעסיאנאלן אין די אינדוסטריע מיט טעכנאלאגישע פירמעס כדי צו זיכער מאכן אז נוצבארע און שטאנדהאפטיגע לייזונגען ווערן אנטוויקלט און האבן אן אויסגעפלאסטערטע וועג צו די מארקעט. מיר זענען קאנצעטרירט צו צוציהען די פריוואטע אינדוסטריע צו אנפירן מיט ענדערונגען אין די מארקעט, נידערן קארבאן אין פאמיליע און ביזנעס געביידעס און שאפן א גרינערע און ריינערע צוקונפט צו בענעפיטירן אלע ניו יארקער."

NYSERDA וועט אננעמען אפליקאציעס ביז נאוועמבער 17, 2021 פון קוואליפיצירטע איינצלנע ארגאניזאציעס אדער פון א פארבאנד פון עטליכע ארגאניזאציעס צו זיין דעם אדמיניסטראטאר פון דעם פראגראם, זיין א שותף אין די אנטוויקלונג פון – און אנפירן – די עמפייער טעכנאלאגיע באלוינונג פראגראם. א קאמיטע וועט אפשאצן די פארשלאגן באזירט אויף דעם אפליקאנט'ס פאריגע רעקארד פון מאכן סוקסעספולע ביזנעס פארמעסטן מיט אקטיוויטעטן אריינרעכענענדיג רעקרוטירן עקספערטן פון ארום די וועלט, אינדוסטריע-קאנצעטרירטע פארזאמלונג, ביזנעס פארשנעלערונג שטיצע, פירן צו סטראטעגישע שותפות'ן און אויסנוצן פריוואטע געלטער. די באלוינונג פראגראם אליין וועט געעפנט ווערן אין 2022.

**סענאטאר קעווין פּארקער האט געזאגט,** "אלץ טשעיר פון די סענאט ענערגיע און טעלע-קאמוניקאציעס קאמיטע (Senate Energy and Telecommunications Committee), טוה איך אפלאדירן NYSERDA און די גאווערנאר'ס אפיס פארן מאכן די עמפייער טעכנאלאגיע באלוינונג פראגראם פאר א רעאליטעט. איך קען נישטווארטן צו פארזעצן צו ארבעטן מיט די NYSERDA צו פאראויס שטופן אונטערנעמונגען וועלכע ברענגען פארשריט צו ניו יארק'ס פראגרעסיווע ענערגיע און דזשאבס אגענדע."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל קיוּסיק האט געזאגט,** "נידערן קארבאן אין געביידעס איז איינס פון די וויכטיגסטע טיילן צו קענען ערריכן אונערע סטעיט'ס ענערגיע און ענווייראמענטאלע ציהלן. די עמפייער טעכנאלאגיע באלוינונג פראגראם וועט זיין א מער שעפערישע און ווירקזאמע מיטל צו נידערן קארבאן אין טייל פון אונזער סטעיט'ס געביידעס וועלכע גיבן ארויס די ערגסטע גאז עמיסיעס, און די פראגראם וועט מאכן א באדייטנדע ווירקונג אין אונזערע באמיאונגען צו רעדוצירן עמיסיעס."

די פראגראם בויט אויף די פארשטענדעניש וועלכע זענען אפגעלערנט געווארן דורכאויס די סוקסעספולע עמפּייער געביידע פארמעסט, וועלכע איז אנאנסירט געווארן אום סעפטעמבער 2020, א פובליק-פריוואטע שותפות צו מאכן אונזער עקאנאמיע שפראצן אין ניו יארק דורכן נוצן לייזונגען צו נידערן די קארבאן אין הויכע ביזנעס און פאמיליע געביידעס, ארבעטענדיג צוזאמען מיט טייל פון די וועלט'ס גרעסטע ריעל עסטעיט אייגנטימער, פאבריצירער, טעכנאלאגיע עקספערטן און פירמעס.

געביידעס זענען פאראנטווארטליך פאר א דריטל פון די שעדליכע גאז עמיסיעס פון די עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט, און פילע פון די מער פון זעקס מיליאן געביידעס איבער די סטעיט זענען געבויט געווארן בעפאר די ענערגיע קאָוד איז געשריבן געווארן און זענען נישט געבויט צו זיין ענערגיע שפארזאם. דורך NYSERDA און יוטיליטי פראגראמען, ווערן איבער 6.8 ביליאן דאלאר אינוועסטירט צו נידערן די קארבאן אין געביידעס לענגאויס די סטעיט. דורכן פארבעסערן ענערגיע שפארזאמקייט אין געביידעס און אריינשטעלן אויפן-ארטיגע סטארעדזש, ריינע ענערגיע מיטלען, און עלעקטרישע קארן טשאַרדזשינג עקוויפּמענט, וועט די סטעיט רעדוצירן קארבאן פארפעסטיגונג און דערגרייכן איר אמביציעזע ציהל צו רעדוצירן אויפן-ארטיגע ענערגיע באנוץ מיט 185 טריליאן BTU ביז 2025, גענוג צו צושטעלן

עלעקטריציטעט פאר 1.8 מיליאן הייזער. ענערגיע שפארזאמקייט שטעלט צו 75 פראצענט פון די דזשאבס פון ריינע ענערגיע איבער גאנץ ניו יארק, און די סטעיט'ס אמביציעזע פלאן צו רעדוצירן קארבאן פארפעסטיגונג וועט ברענגען נאך 1.8 ביליאן דאלאר אין בענעפיטן פאר די געזעלשאפט און פאר די ענווייראמענט.

די עמפייער טעכנאלאגיע באלוינונג פראגראם ווערט געשטיצט דורך די NYSERDA טעכנאלאגישע פארשריט פראגראם העלפט ארויס פירמעס וועלכע געפונען זיך אין די ערשטע שטאפלען מיט טעכנישע הילף און מיט ביזנעס אנטוויקלונג מיטלען דורך שטיצע מיט ביזנעס אדמיניסטראציע און מיטן העלפן פארמערן די פאבריצירונג. NYSERDA האט אינוועסטירט מער פון 28 מיליאן דאלאר אין ביזנעס אדמיניסטראציע שטיצע פראגראמען זינט 2009, שטיצנדיג כמעט 349 פירמעס און אויפטרייבנדיג מער פון 1,140 דזשאבס. מער פון 780 מיליאן דאלאר אין פריוואטע אינוועסטירונגען און 200 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג געלטער פאר פראיעקטן זענען שוין אויסגענוצט געווארן, העלפנדיג צו ברענגען מער פון 440 נייע און פארבעסערטע ריינע ענערגיע פראדוקטן צו די מארקעט, אריינרעכענענדיג LED באלייכטונג סיסטעמען, היים אפלייענסעס, באטעריעס וואס האלטן אן לענגער, און מער שפארזאמע הייצונג און קילונג סיסטעמען.

פינאנסירונג פאר דעם איניציאטיוו ווערט צוגעשטעלט דורך דער סטעיט׳ס 10-יאריגע $5.3 ביליאן זויבערע ענערגיע קאסע. מער אינפארמאציע איבער די געלטער קען מען געפונען אויף די NYSERDA'ס וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט געזעץ**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט אגענדע איז די מערסטע אגרעסיווער קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א וועג וואס שאפט נייע דזשאבס און טוט ווייטער שטופן פאר א גרינע עקאנאמיע אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. מיטן דורכפירן די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ( Climate Leadership and Community Protection Act), האט זיך ניו יארק אוועקגעשטעלט אויף די ריכטונג צו ערגרייכן אירע ציהלן וועלכע זענען פארלאנגט געווארן אין דעם געזעץ צו האבן אן עלעקטריציטעט אינדוסטריע פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פריער-אומדערהערטער אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן דאס שאפן פון זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 21 ביליאן דאלער אין 91 גרויס-פארנעמיגע ענערגיע-איבערניץ פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיע, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, מער ווי 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.2 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען איבער 150,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2019, א 2,100 פראצענטיגער העכערונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביים יאר 2035. אונטער די קלימאט געזעץ, וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט — שטרעבנדיג צו 40 פראצענט — פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט, און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן די ענערגיע וואס ווערט אויפגענוצט אויפן ארט שפארנדיג 185 טריליאן oBTU פון ענערגיע וואס ווערט למעשה גענוצט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן